STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04779

SHKIE

Ezra Korman

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Sherry & Nettie Farber
in memory of
thier beloved Rose and Jacob Farber and Sarah Melemed Goldstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פארלאג

ל. מ. שטיין

שיקאגא

שער — בלאַט
געצייכנט פֿון
טאָדרעס געלער

Copyright 1932, by
E. Korman, Detroit, Mich.
Printed in U. S. A.

אַרויסגעגעבן אין צוויי הונדערט עקזעמפּלאַרן אין פֿאַרלאַג ל. מ. שטיין, שיקאַגאָ. געזעצט און געדרוקט אין דער דרוקעריי „ליבאַר וואָרלד פּרעס“, אין יאָר ניינצען הונדערט צוויי און דרייסיק. שיקאַגאָ.

ע. קארמאן

פארלאג ל. מ. שטיין. שיקאגא

מיין פאָטערס ליכטיקן אָנדענק

...שקיעה רויטער איז אין שניי

אַלטקייט

זי שמעקט מיט זויערטייג, מיט שמירעכצן און שימל,
מיט טערפּענטין און חלב פון ניט דערשלאָפן נעכט,
און שלעפט זיך אום געהויקערט אין טעגליכן געווימל
און טשאַדעט פאַרן טויט מיט אַסטמע־הוסט און קרעכץ.

אַ שווערער גורל שטיין ביים אָנהויב פון ניט־ווערן,
אַ פּיינלעכער געפיל, ווען קערפּער ווערט פאַרוויסט,—
און דאָ איז נאָך פאַרבליבן איין קליינטשיקער באַגערן:
אַ שמעק טון טאַבאַקע און טון געשמאַק אַ ניס.

פאַרשטאָפּט די אויערן מיט בוימלדיקס און וויכעס,
אַרום דאָס לעבן הילכט, ווי טעמפּע קלעפּ אין וואַנט,
און קאַליע אויגן טרערן אויף אָנווער פון די כוחות,
און ס'שפּילט דער ברוסטקאַסטן אַ סאָלאָ אויס „אַנדאַנט".

אָ, זקנות, אַלטער. שאַרבן, צעוואַלגערט איז דיין בנין,
פון פאַרמעט דאָס געזיכט און איינגעשרומפּט דאָס מויל.
וואָס ווילסטו נאָך אין גליווער פאַר דיין לעצטן קנין?
אין דיינע אויגן איז: פּוסטקייט, שרעק און גרויל.

גסיסה

דאָרט אויסגעקריצט איז צער אויף יעדן פּנים
מיט שטומען צייכן, וואָס וועט נישט מיידן קיינעם.
און יעדער אייגוואוינער פון דאָרטן קאָן אים,
דעם אויסלייזער, וואָס קומט צו זיי אין מושב זקנים.

ער האָט די טהרה־ברעט דאָרט אָנגעגרייט אין ווינקל,
ווי אַ דערמאָנונג אָן נאָענטן בית־הקברות.
און האָט אליין געשטעלט זיך צום עמוד אין דער טונקל,
און זאָגט רבנן־קדיש מיט פרומקייט פון אַ פּרוש.

און זקנים שלעפּן זיך מיט שטילע טריט פון שטעקשיך,
און ס׳שאַרכן ליפּן שטיל, ווי גראָז אויפן בית־עולם.
און אין דער טויבער לופט אַ גסיסה־כאָרכלען וועקט זיך,
און שטום פאַרגייט אין אָנמאַכט פון אַ שברי־כלי.

אויף דער שוועל

דאָ היט מען אָפּ תעניתים מיט תפילות און מיט ברכות,
ביז ס׳ביסל עולם־הזה האָט זיך נישט אָפּגעקערט,
און אַז דער הײַנט און נעכטן באַוואַקסן שוין מיט מאָך איז,
איז האָפט מען — עולם־הבא וועט יעדן זײַן באַשערט.

מע פאַסט דאָ אום „גדליה״, מע פאַסט אום „אסתר־תענית״,
מע פּײַניקט און מע מאַטערט דעם אָפּגעצערטן גוף,
אין טאָג פון „קורצן פרײַטאָג״, און אויך מיט גרויס כוונה
איעדן מאָנטאָג־דאָנערשטאָג פון הייליקן באַרוף.

אַז ס׳קאָן ניט די נשמה פאַרדײַען שוין קײַן ביסן,
און ס׳איז פאַרחלשט דאָך די הונגעריקע זעל,
פאַסט מען — און נאָכן תענית ווינטשט מען זיך געניסן,
כאָטש אַליין מע שטייט שוין אויף דער לעצטער שוועל.

הויקערס

איינגעבויגן, איינגעהויקערט,
אויסגעקרימט פון שווערע יאָרן,
ווי אַ בוים פון וואַלד געדיכטן
אויסגעריסן און פאַרלאָרן;

מיט אַ שטעקן פאַר אַ פירער,
און אַ קוילעכדיקער פּליוצע,
וואָס שטופּט אונטער פון אהינטער,
און מיט שטאָק זיך האַלט אַן עצה:

גיין אַהער, צי גיין אַהינצו ?
דאָרט איז שטרויכל, דאָ — געפאַרן.
גיין מיט טריטעלעך געמאָסטן,
וואָס פאַרפירן ניט און נאַרן.

גיין מיט טריטעלעך פּאַמעלעך,
זיך נישט כאַפּן איז געזונטער.
אומעטום סכנה לויערט
אויף דער עלטער, וואָס גייט אונטער.

אונטערגאַנג

עס וויינט דער גוף דער אַלטער מיט אויסגעקרומטער פּלייצע,
וואָס בויגט זיך ווי אַ בויגן פון לעבנס שווערן יאָך,
און וויקלט זיך אין טלית, און וויל אין זיינע קנייטשן
באַהאַלטן זיך, די חורבה, פון אונטערגאַנג און בראָך.

עס ציטערט שוואַכער קערפּער מיט אויסגעדאַרטע גלידער,
און שלאָגט מיט קליינער פויסט זיך אין שמאָלער ברוסט „על־חטא":
ווי קערט מען אום די ציטן, ווען מען זאָל קאָנען ווידער
דערפילן פון אַמאָלן דעם וויכן צאַרטן גלעט.

אָך, ווער האָט נישט געזינדיקט דען אין די יונגע יאָרן,
און ווער דען טראַכט פון הונגער אין זומערס זאַטער זעט?
אַזוי באַוויינט זיך קערפּער, אַ הילפלאָזער, פאַרלאָרן,
און שלאָגט מיט קליינער פויסט זיך אין שמאָלער ברוסט „על־חטא"

ווי שאָף

זיי וואַרטן אָנגעשטרענגט באשטענדיק אויף די קינדער,
וואָס האָבן זיי געלאָזט אויף איי‎גענעם באַראָט.
און הילפלאָזע, ווי שאָף, זיי טוליען זיך אצינדערט
צו יעדן נאָענטן, וואָס מיטלייד מיט זיי האָט.

זיי גלעטן פרעמדע האַנט מיט ציטעריקע פינגער
און קוקן אין די אויגן געטריי אַזוי אריין.
ווי ס'וואָלט פון יעדן מענטש זיי געוואָרן גרינגער,
וואָס גייט פאַר זייער תפיסה צופעליק פאַרביי.

די קינדער, אך, די קינדער... ווי גרויזאַם אויף דער עלטער
זיי פילן נישט דעם בונד פון אייגן לייב און זעל!
זיי זיינען ווייט אַוועק, אין ווייטע-ווייטע וועלטן.
מיט פרעמדקייט ווייט פון זיי, מיט פרעמדקייט און מיט קעלט.

חולה-מסוכן

עס כריפּעט אוים, ווי אַ מסוכן־חולה,
דער זייגער זיינע שעה'ן אין פּוסטן הויז פון זקנים,
ווי ער וואָלט צוגעקילט זיין ציטערדיקע כלי
באַגלייך מיט אַלע דאָרט די אַלטע גראָע בונים.

אַ פּייכטן וועטער קאָן ער ניט פאַרטראָגן
דער אַלטער דינער פון די אור־אור־אַלטע צייטן;
אים דאַכט זיך: עפּעס טוט זיך אָפּ מיט זיינע וואָגן,
און גאָר'כישט רואיק איז אין זיינע אינגעווייידן.

ער לאָזט זיך הוידען אַזוי שוואַך דעם פּערפּענדיקל,
און שפּרייט די ווייזערס אוים מיט שווערער מי און ווייען;
ער האָט שוין ניט קיין כוח דעם אומרו מער צו וויגן,
און קאָן שוין מער ניט העלפן די ווייזערס זיך צו דרייען.

עובר - בטל

אַ געדאַנק אָן אַ געדאַנק שלאָגט זיך אָן און ווערט פאַרלאָרן.
אַ געפיל מיט אַ געפיל פאָרט צונויף זיך און ווערט ווילד.
ס׳לויפן, פלאָנטערן זיך בטל אָפּגעלעבטע טעג און יאָרן,
און — אינמיטן רייסט זיך איבער און ס׳וואַקסט אוים מבולבל־בילד.

ס׳ברענט . . . דער קראַנקער מוח צינדט זיך, צינדט זיך אָן און ווערט פאַרלאָשן.
קנוילן שטיקנדיקער רויעך וויקלען אין אַ טשאַד זיך דיק.
עפּעס וואַרגט . . . עס וואַרגט דער רויעך . . . ס׳שטאַרבט דאָס האַרץ אָפּ אין חלשות,
און דער צונג זיך דרייט און מאַטערט, כאַטש אליין זיך נעם דערשטיק.

עובר־בטל . . . עובר־בטל . . . אָן אַ סוף דער וואַנזין, ריידן,
אָן אַ זין און אָן אַן אויסגאַנג ס׳ביסל ציטעריקע זיין.
ווען אַמאָל דער סוף שוין קומען, ווען שוין זיין אַ סוף צום ליידן!
עובר־בטלדיקע עלטער, עובר־בטלדיקער זיין!

שקיעה

זילבער־גראָ, זילבער־גראָ,
און ס׳געגענט די לעצטע שעה.
אין דעם אָפּגאַנג — באַרג אַראָפּ
שנייוויים זילבערט זיך דער קאָפּ.

שקיעה רויטער איז אין שניי,
ס׳קלאַפּט דאָס האַרץ, קלאַפּט שטיל אַזוי.
אָן אַ ברעג דאָס אנגסט־געפיל,
לעצטע שעה — די לעצטע שפּיל.

לעצטע שפּיל... אַזוי פיל לייד
ווער דער עלטער האָט פארגרייט?
און פאַרמשפּט זי אַזוי
אויסגיין קאַלט אין ווייסן שניי.

קאָפּ און גוף

אַזוי טרעט צו דער טויט דאָ — אומעטיק, נישט גערן,
ווי אהער וואָלט קומען אויף עמעצנס אַ רוף.
וואָס וועט דאָ שוין זיין, און וואָס קאָן דאָ שוין ווערן
פון אן אָפּגעצערטן, פון אַ קראַנקן גוף?

אָפּגעשוואַכטע אברים ווילן זיך צעשיידן,
אָפּגעדינטע פיס שטייען מער נישט איין.
ס'ווערט אומהיימלעך־שווער פון עובר־בטל ריידן,
און דער קאָפּ נאָר שוועבט צווישן זיין, ניט־זיין.

ס'וויל דער קאָפּ זיך אָפּטאָן פון דעם גוף דעם גולם,
פון דעם גוף דעם ערדישן, וואָס צעפאַלט ווי ליים.
און ער זוכט אַ מעסער, אַ מעסער זיך צו קוילען,
און אליין זיך אָפּטיילן, און אַוועק אַליין.

אין פוסטן הויז

אין פוסטן הויז פון זקנים
גרילצן נישט קיין גרילן;

אין פוסטן הויז פון זקנים
סקריפּען נישט קיין דילן;

אין פוסטן הויז פון זקנים
רוישן ניט קיין טריט;

אין פוסטן הויז פון זקנים
הערט מען קיינעם ניט.

אין פּוסטן הויז פון זקנים
שוין נישטאָ קיין שפּילן;

אין פּוסטן הויז פון זקנים
שוין נישטאָ קיין צילן;

אין פּוסטן הויז פון זקנים
שוין נישטאָ קיין גויט;

אין פּוסטן הויז פון זקנים
איז אַליץ שוין טויט, טויט.

שטרענג און בלייך

ער קומט אַהין אַמאָל ווי אַן אָרעם־בחור,
וואָס האָט קיין אייגן ווינקל נישט, קיין הויז;
ער האָט דאָרט זיינע „טעג“ אום שבת, אינדערוואָכן,
און יומטוב אַן „עליה“ אין דער זקנימס קלויז.

„יעמוד החתן“... רופט אים אויף דער שמש,
און ער גייט צו און שטעלט זיך, און מאַכט אַ ברכה הויך;
און ס'לייענט דער „בעל־קורא“ מיט אַ שטים פון סאַמעט,
און ער, ער הערט זיך צו מיט פּנים שטרענג און בלייך.

און נאָך „קריאת־התורה“, פּאַרטופּט ער זיך אין סדור,
און גלעט זיך באָרד און פּאות און וויגט זיך אַזוי פרום;
און אויב אינמיטן דאַווענען אַ זקן פאַלט אנידער,
זיין פרומער פּנים גיט זיך אפילו נישט קיין קרום.

אין אומרו

ער איז א למד־וו׳ניק, וואָס וואַלגערט זיך אין פּאָליש,
אין שטיב פון מושב־זקנים וואָכעדיקער שול.
ער איז דאָרט דורך די נעכט אויף, און הוסט דאָרט ווי א חלוש,
און וואַרט דאָרט אומגעדולדיק און עפּעס אַזוי דול.

ער שפּאַנט אַרום אין אומרו אליין אום האַלבע נאַכט דאָרט,
און שטעלט זיך ביי אַ שטענדער, ווי וואָלט געהערט אַ רוף;
און וואקלט זיך א רגע, ווי וואָלט אויף וואָס געוואַרט נאָך,
און גייט צום ארון־קודש און עפנט ברייט אים אוף.

עס צאנקט אין הייך דאָס פלעמל פון אייביקן נר־תמיד,
און ס׳וויגן שוואַרצע שאָטנס אויף די ווענט זיך קרום;
און פלוצים, ווי אַ דולער, ער לויפט גיך צו צום עמוד,
און ס׳רייסט די טויטע שטילקייט געוויין און ווילדער ברום.

פּראָסטע קליידער

זיצן, זיצן זקנות
איינגעבויגט די קעפּ,
נייען עפּעס, נייען
מיט לויזע האַלבע שטעפּ.

נייען עפּעס, נייען,
שפּרעכן שפּרוכן שטיל:
קיינער זאָל נישט דאַרפֿן,
ווי מ׳דאַרף זיי פֿיל.

וויקלשנורן, העמדלעך
נייט מען פֿאַר אַ קינד.
נאָר תכריכים, בענדלעך
נייען זיך געשווינד.

נאָר תכריכים נייט מען
מיט לויזע גיכע שטעפּ.
אַזעלכע פּראָסטע קליידער,
וואָס האַלטן זיך אָן קנעפּ.

אַזעלכע פּראָסטע קליידער,
וואָס זיינען ווייס ווי שניי.
מ׳זאָל זיי נישט באַדאַרפֿן,
ווי מ׳דאַרף שוין זיי.

לוויה

און ווען עס קומט דער וואָגן און מע ברענגט די מיטה,
און מע לייגט אין ארון פּראָסט אריין דעם מת,
קומען זיך צונויף אַלטע און גענײטע,
אַלטע, וועלכע וואַרטן מער נישט אויף קיין נס.

איינציקווייז מע גייט שטיל זיך אָפּגעזעגענען,
קיינער וויינט דאָ נישט, קיינעמס אויג נישט טרערט.
אַלע ווילן זיך בקרוב דאָרט באַגעגענען,
ס'איז פאַר אַלע דאָך דער זעלבער וועג באַשערט.

אַלע גייען נאָך שטיל נאָך דער לוויה.
נישט מע גייט, מע מעסט לעצטע קליינע טריט.
און איין קול נאָר רייסט זיך עפּעס אַזוי שרייען,
ווי אַן אָנגעדונגענער, וואָס קיינער דאַרף דאָ ניט.

אין פראָסטיקן שנײ

אין פראָסטיקן שנײ אויף וועג באַרג־אַראָפּ,
ס'שלענגלט דער וועג זיך און ס'שווינדלט דער קאָפּ.
ס'שלענגלט דער וועג זיך, שווער איז דער טראָט,
גיב אָפּ דעם שנײ זיך אויף קאַלטן באַראָט.

וועג באַרג־אַראָפּ טיף איז פאַרשנייט,
ס'פּלאָנטערן פּיס זיך אין סטעשקעס פאַרווייט.
שנייאיקער וועג, הימל און שנײ,
ווייט צו אן אָפּשטעל, גײ ווייטער, גײ.

ווייט צו אן אָפּשטעל, שלעפּ זיך און שלעפּ,
ס'פירן צום הימל דאָרט ווייט הויכע טרעפּ.
הימלשע טרעפּ — אַרויף און אַראָפּ,
ס'שלענגלט דער וועג זיך און ס'שווינדלט דער קאָפּ.

טויטן - טאַנץ

קאַלט, קאַלט, קאַלט,
קאַלט, אַזוי קאַלט.
ס'פאַלט אַ שניי אַ ווייסער,
פאַלט, פאַלט, פאַלט.

ס'פאַלט אַ שניי אַ ווייסער,
באַרג און טאָל פאַרהילט.
גראָז און ביימער הוילע
קילט דער שניי און קילט.

גראָז און ביימער הוילע
גליווערן אין פראָסט —
שניי, שניי, שניי,
ווייסער שניי איז פראָסט.

ווײַסער שנײ תּכריכים
איבער פֿעלדער שפּרייט.
קעלט, קעלט, קעלט
ברענגט דער שנײ וואָס שנייט.

ערד און אַש

פּראָסט איז דער טויט און אייביק, אייביק און פול סודות.
אָט האָט געלעבט אַ מענטש, און אָט איז ער נישטאָ.
פון זויגקינד ביז דערוואַקסענעם און ביז דער קייט פון זיידעס —
פאַר אַלע שלאָגט אלציינס די זעלבע לעצטע שעה.

פון אָנהויב פולער זיין און פולער זין און גלויבן.
צו ענד אַ פולער סוד — שטום און בלינד און טויב.
פון ערד און אַש און שטויב האָט זיך אַ מענטש דערהויבן,
און אַש מוז ווערן אַש, און שטויב מוז ווערן שטויב.

עפּיטאַפיע

קריץ אויס אויף האַרטן שטיין דיין גרויסן נאָמען, מענטש,
עס וועלן אים אַלציינס פאַרווישן טריט פון ציטן.
דיין אורגעביין אין מאָרגנליכט געבוירן, בענטש,
ער ווערט פאַרשוואונדן, ווי דער רויך פאַרשווינדט אין הימל ווייטן.

ס'פאַרטויבט דעם אויסגעשריי דאָס אייביקע געראַנגל,
און ס'שטומט דער פּיין אין שווינדן פון דער מענטשן־ריי.
דיין גייסט באַני אויפסניי אין אייביק־טיפן שוואַנגער,
געקרייציקטער אין בויך אויף נאָגלען פון דיין וויי.

דיין לעבנס־גייסט שטייגט הויך אַריבער צייט און דורות.
דיין טויט־געדעכעניש וואַקסט העכער פון דעם טורעם.
קריץ אויס דיין נאָמען, מענטש, — אַ בלוטיקע מסורה,
פון אָנהויב ביזן סוף — אומענדלעכע יסורים.

ווינטער 1929
דעטראָיט.

אינהאַלט:

אַלטקייט 11
גסיסה 13
אויף דער שוועל 14
הויקערס 15
אונטערגאַנג 17
ווי שאָף 18
חולה־מסוכן 19
עובר־בטל 20
שקיעה 21
קאָפּ און גוף 22
אין פּוסטן הויז 23
שטרענג און בלייך 25
אין אומרו 26
פּראָסטע קליידער 27
לוויה 29
אין פּראָסטיקן שניי 30
טויטן־טאַנץ 31
ערד און אַש 33
עפּיטאַפּיע 34

L. M. Stein Publisher
426 South Clinton Street
Chicago, Illinois

379